STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 14668

# DI LEHREN FUN DI FOTERS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

# די לעהרען
# פון די פאטערס

(פרקי אבות)

ISBN:0-657-~~01585-7~~
Old Call No.,96-330 v.
1466-4

From the Library
of
*BERNARD EURIC SILVER*
New York City

אַ מתּנה פֿאַר בערעלע סילווער
צו זיין בר-מצוה טאָג:

אוווז שערמאַן
עסטל הענדלשטאַק.
שפרה נעכטען

# די לערהרען
# פון די פאָטערס

## (פרקי אבות)

איבערזעצט פון

**יהואש.**

---

ניו יאָרק:
פערלאַג „יהואָש“
1912.

# ETHICS OF THE FATHERS

Translated into Yiddish

by YEHOASH.

(*Sol. Bloomgarden*).

Verlag Yehoash

New York

1912.

---

*Copyright, 1912, by Sol. Bloomgarden.*

# פאָרוואָרט

די „פרקי אבות" בעשטעהען פון מאראל־שפרו־
כען, לעהר־זאצען, לעבענס־רעגעלען און גע־
דאנקען פון זעכציג פערשיעדענע תנאים,
וועלכע האבען געלעבט אין א משך פון זעקס
הונדערט יאהר (אנהויבענדיג פון דריי הונ־
דערט יאהר פ א ר, ביז דריי הונדערט יאהר
נ א ך דער קריסטליכער צייט־רעכנונג.)
די ערשטע פינף פרקים אדער קאפיטלען ביל־
דען איינע פון די נייז „מסכתות" (טראק־
טאטען) פון דעם תלמודישען „סדר" (אב־
טהיילונג) „נזיקין" (שאדענערזאטץ־אדער

ציוויל־געזעצען), און זיינען געזאמעלט גע־
ווארען אין דער צייט פון דער משנה. דער
זעקסטער פרק, איז קענטיג צונויפגעשטעלט
געווארען שפעטער אין די נאך־משנה צייטען
טען.

יעדער זאץ ווערט געבראכט אין דעם נאמען פון
דעם תנא, וועמענס נעוועהנליכער שפרוך
אדער לעבענס־רעגעל ער איז געוועזן.

די שפרוכען זיינען פערשידען אין כאראקטער.
א טהייל פון זיי בעציהט זיך אויף די
אויפפיהרונג פון מענשען צו מענשען, אנ־
דערע — אויף דיא פליכטען פון מענשען צו
גאט, און אנדערע זיינען גלאט קלוגע בע־
אבאכטונגען וועגען לעבען און וועגען וועלט
און מענשען. צווישען זיי געפינען זיך פיעל

לעהר־זאצעז װעלכע זײנעז נעמײנט ספע־
ציעל אלס װעגװײזערס פאר דינים און ריכ־
טער אין זײערע ענטשײדונגעז און אין זײ־
ער פערהאלטעז זיך צו די בעלי דינים.
אלע אבער צײכענעז אױס מיט זײער גע־
הױבענקײט, זײער קורצקײט, זײער קלאר־
קײט און זײער אײנפאכקײט. אפט װערט
א גאנצע לעבענס־פילאזאפיע אױסגעדריקט
אין געצעהלטע װערטער, אזױ װי אין הלל׳ס
שפרוך „אויב איך בין ניט פאר זיך, װער
איז פאר מיך? און אויב איך בין בלויז
פאר זיך — װאס בין איך? און אויב ניט
איצט, װעז דעז?״
שוין לאנג צוריק זײנעז די דאזיגע פערל ארײנ־
גענומעז געװארעז אין אלע ליטעראטורעז

פון דער וועלט, און ביי דעם אידישען פאלק
זיינען זיי צוליעב זייער גרויסען בעלעה־
רענדען ווערטה, און צוליעב זייער בעליעבט־
קייט, אריינגעקערפערט געווארען אין דעם
סדור — די העכסטע פארם פון אנערקענונג
וואס א גאטספארכטיג פאלק קען ארויסווייז־
זען; און אזוי ווי מען זאגט יעדען שבת אום
ווינטער דעם קאפיטעל „ברכי נפשי“, אזוי
איז אייגגעפיהרט געווארען צו זאגען אדער
לערנען א פרק יעדען שבת אין די וואכען
צווישען פסח און ראש השנה.

אויסטייטשענדיג „אבות“ אין דעם זינן איז
וועלכען עס ווערט אפט געברויכט אין דער
משנה־שפראך, בעהויפטען פיעלע, אז דאס
ווארט בעדייט, „ערשטע פונדאמענטען“

„הויפטזאכען" אדער „הויפט־רעגעלען":
מעהר וואהרשיינליך אבער איז די מיינונג,
אז „אבות", מיינט איינפאך „די פאטערס",
ד. ה. די הויפט לעהרערס פון דעם אידישען
פאלק, וועלכע זיינען זיינע גייסטיגע טאַ־
טעס, און „פרקי־אבות", איז אידיש הייסט
„די לעהרען אדער די שפרוכען פון די
פאטערס."

דער טעקסט פון פרקי אבות וואס געפינט זיך
אין די סדורים אונטערשיידעט זיך אין
פיעל פלעצער פון דעם טעקסט אין משניות.
דער איבערזעצער האט הויפטזעכליך זיך
בענוצט מיט דעם לעצטערען.

# די לעהרען פון די פאָטערס

(פרקי אבות)

## ערשטער פּרק

א. משה האָט געקראָגען די תורה פון באַרג
סיני און האָט זי איבערגעגעבען צו
יהושוע'ן; יהושוע — צו די עלטסטע;
די עלטסטע צו די נביאים; און די
נביאים האָבען זי איבערגעגעבען צו די
מענער פון דער כנסת הגדולה. זיי
האָבען געזאָגט דריי זאַכען: זייט גע־
לאַסען אין אורטהיילען, ברינגט אויף
אַ סך תלמידים און מאַכט אַ פערצאָה־
מונג ארום דער תורה.

# די לעהרען פון די פאָטערס

ב. שמעון דער צדיק איז געוועזען פון די לעצטע פון דער כנסת הגדולה. ער פלעגט זאָגען: אויף דריי זאַכען שטעהט די וועלט — אויף לערנען, אויף דיענען גאָט, און אויף טהאָן גוטס.

ג. אַנטיגנוס פון סוכו, האָט איבערגענו־מען (די לעהרע) פון שמעון דעם צדיק. ער פלעגט זאָגען: זייט ניט ווי קנעכט וואָס דיענען דעם האַרר כדי צו קריעגען אַ לויהן, נאָר זייט ווי קנעכט וואָס דיענען דעם האַרר, ניט כדי צו קריעגען אַ לויהן, און זאָל די מוראָ פון גאָט זיין אויף אַייך.

ד. יוסי דער זוהן פון יועזר פון צרדה,

# די לעהרען פון די פאָטערס

און יוסי דער זוהן פון יוחנן פון ירושלים האָבען איבערגענומען פון זיי. יוסי דער זוהן פון יועזר זאָגט: דיין הויז זאָל זיין אַ זאַמעל־פּלאַץ פאַר גע־לעהרטע און דו זאָלסט זיך וואַלגערען אין דעם שטויב פון זייערע פיס און טרינקען מיט דאָרשט זייערע ווערטער.

ה. יוסי דער זוהן פון יוחנן פון ירושלים, זאָגט: דיין הויז זאָל זיין ברייט אָפען און אָרעמע לייט זאָלען זיין דיינע אייג־געהער; און פאַרפיהר נימ קיין לאַנגען געשפּרעך מיט אַ פרוי. דאָס איז געזאָגט אויף איינעם׳ס אייגענע פרוי, היינט ווי פיעל מעהר נאָך בנוגע צו דער פרוי

# די לעהרען פון די פאַטערס

פון אַ צווייטען? דערום האָבען די חכמים געזאָגט: דער וואָס פאַרפיהרט אַ לאַנ־גען געשפרעך מיט אַ פרוי ברינגט אויף זיך אַן אונגליק, און הערט אויף לערנען די ווערטער פון דער תורה און וועט סוף כל סוף זיך אייַנקויפען גיהנום.

ו. יהושוע דער זוהן פון פרחיה און נתאי פון ארבאל, האָבען איבערגענומען פון זיי. יהושוע דער זוהן פון פרחיה, זאָגט: קריג זיך אַ לעהרער, און שאַף זיך איין אַ חבר און אורטהייל יעדען מענשען אויף דער גוטער זייט.

ז. נתאי פון ארבאל זאָגט: דערווייטער זיך

# די לעהרען פון די פאָטערם

פון אַ שלעכטען שכן, און בעהעפט זיך
ניט צו אַ שלעכטען מענשען און צווייר־
פעל ניט אין בעשטראָפונג.

ח. יהודה דער זוהן פון טבאי און שמעון
דער זוהן פון שטח האָבען איבערגענו־
מען פון זיי. יהודה דער זוהן פון טבאי
זאָגט: (ווען מען קומט צו דיר פאַר
געריכט) שפיעל ניט די ראָליע פון אַ'ן
אַדוואָקאַט. און כל זמן די בעלי דינים
וועלען שטעהן פאַר דיר זאָלען זיי ביי
דיר זיין ווי שולדיגע, און ווען זיי
נעהמען אָן דעם אורטהייל און געהען
פון דיר אַ וועג, זאָלען זיי זיין ביי
דיר ווי אונשולדיגע.

# די לעהרען פון די פאָטערס

ט. שמעון דער זוהן פון שטח, זאָגט: זאָלסט לאַנג אויספאָרשען די עדות, און זיי אָפּגעהיט מיט דיינע אייגענע רייד כדי זיי זאָלען זיך ניט אויסלערנען זאָגען ליגען פון זיי (דיינע רייד) גופא.

י. שמעיה און אַבטליון האָבען איבערגע־נומען פון זיי. שמעיה זאָגט: האָב ליעב אַרבייט, און האָב פיינט הערשאפט און זוך ניט די בעקאַנשאַפט פון די וואָס רעגיערען.

יא. אַבטליון זאָגט: געלעהרטע זייט אָפּגע־היט מיט אַייערע רייד כדי איהר זאָלט ניט פאַרדיענען די שטראָף פון גלות און איהר זאָלט ניט פאַרוואָגעלט ווערען אין

# די לעהרען פון די פאַטערס

אַ'ן אָרט פון שלעכטע וואַסער און די
תלמידים וואָס וועלען קומען נאָך אייך
וועלען דערפון טרינקען און שטאַרבען
און עס וועט אויסקומען אַז גאָט'ס נאָ־
מען וועט פאַרשוועכט ווערען.

יב. הלל און שמאַי האָבען איבערגענומען פון
זיי. הלל זאָגט: זיי פון די תלמידים
פון אַהרן, האָב ליעב שלום און יאָג
זיך נאָך שלום, האָב ליעב מענשען און
דערנעהענטער זיי צו דער תורה.

יג. ער פלעגט אויך זאָגען: דער וואָס זוכט
זיין נאָמען צו גרויסען פאַרליערט זיין
נאָמען, און דער וואָס פאַרמעהרט ניט
(זיין קענטעניס) פאַרמינדערט (זי), און

# די לעהרען פון די פאָטערס

דער וואָס לערענט ניט פאַרדינט דעם טויט און דער וואָס בענוצט זיך מיט דער קרוין (פון געלעהרזאַמקייט) וועט אונטערגעהן.

יד. ער פלעגט אויך זאָגען: אויב איך אַליין בין ניט פאַר זיך, טאָ ווער איז פאַר מיך? און ווען איך בין בלויז פאַר זיך, וואָס בין איך? און אויב ניט איצט ווען דען?

טו. שמאַי זאָגט: מאַך אַ בעשטימטע צייט פאַר דיין לערנען, זאָג ווייניג און טהו אַ סך, און נעהם אויף יעדען מענשען מיט אַ פריינדליכען געזיכט.

טז. רבן גמליאל זאָגט: קריג זיך אַ לעהרער

און בעפרייז זיך פון צווייפעל, און גע־
וואוהן זיך ניט צו געבען מעשר לויט
בלויזער אָבשאַטצונג (ד. ה. פּרוביר
ניט טרעפען).

יז. זיין זוהן שמעון ז: מיין גאַנץ
לעבען האָב איך זיך געהאָדעוועט צווי־
שען די חכמים און איך האָב ניט געפו־
נען קיין בעסערס פאַר'ן מענשען ווי
שווייגען; און ניט דאָס לערנען איז דער
עיקר נאָר דאָס טהאָן; און דער וואָס
רעדט פיעל פעראורזאַכט זינד.

יח. רבן שמעון דער זוהן פון גמליאל,
זאָגט: אויף דריי זאַכען האַלט זיך אויף
די וועלט — אויף אמת, אויף גערעכ־

# די לעהרען פון די פאַטערס

טיגקייט און אויף פריעדען. ווי עס
ווערט געזאָגט „מיט אמת און מיט פריד־
ליכער גערעכטיגקייט זאָלט איהר אור־
טהיילען אין אייערע טהויערען" (זכריה
ח. טז.).

## צווייטער פרק

א. רבי זאָגט: וועלכער איז דער גלייכער וועג וואָס דער מענש זאָל פאַר זיך אויס־קלייבען? — אַזאַ וואָס בעשעהנט דעם טהוער (אין זיינע אייגענע אויגען) און בעשעהנט איהם פאַר לייטען. און זיי אָפּגעהיט מיט אַ גרינגער מצוה אַזוי ווי מיט אַ האַרבער, דען דו ווייסט ניט די בעלויהנונג פון מצוות. און דו זאָלסט באַרעכענען דעם שאַדען פון אַ מצוה קעגען איהר לויהן און דעם לויהן פון א

זינד קעגען איהר שאדען. — בעטראַכט
אָט די דריי זאַכען און דו װעסט ניט קו־
מען צו קיין זינד: װייס װאָס אי־
בער דיר איז — אַ'ן אויג װאָס זעהט,
אַ'ן אויער װאָס הערט און אַלע דיינע
מעשים פערשריבען אין אַ בוך.

ב. רבן גמליאל דער זוהן פון רבי יהודה
דעם נשיא, זאָגט: גוט איז תורה־לער־
נען צוזאַמען מיט אַ װעלטליכער בעשעפ־
טיגונג, דען די אַנשטרענגונג פון זיי
ביידען, מאַכט פאַרגעסען זינד; און
תורה װעלכע האָט ניט צו זיך קיין אַר־
בייט מוז אונטערגעהן און ברינגען נאָך
זיך זינד. און די אַלע װאָס מיהען זיך

# די לעהרען פון די פּאָטערס

פאַר קהל, זאָלען זיך מיהען פון גאָט'ס
וועגען דען בלויז דאַן וועט זיי דער
זכות פון זייערע עלטערען ביישטעהן
און זייער וואָהלטהעטיגקייט וועט בע־
שטעהן אויביג. און איהר (וואָס מיהט
זיך אַזוי) — אַייך פאַררעכענט מען אַ
גרויסען לויהן אַזוי ווי ווי איהר וואָלט
דאָס (וואָס אַייערע עלטערען האָבען גע־
טהאָן) אַליין געטהאָן.

ג. ער פלעגט אויך זאָגען: מאַך זיין
(גאָט'ס) ווילען דיין ווילען, כדי ער
זאָל מאַכען דיין ווילען זיין ווילען;
זיי מבטל דיין ווילען צוליעב זיין ווי־
לען, כדי ער זאָל מבטל זיין דעם ווילען
פון אַנדערע צוליעב דיין ווילען.

# די לעהרען פון די פאַטערס

ה. הלל זאָגט: זונדער זיך ניט אָפּ פון דעם כלל. — זיי ניט זיכער אין זיך ביז דעם טאָג פון דיין טויט. — אור־טהייל ניט דיין מיט־מענשען ביז דו ווערסט ניט זיין אויף זיין פּלאַץ. — זאָג ניט אַרויס אַ זאַך וואָס מען קען ניט גלייך פאַרשטעהן ווייל (דו דענקסט) מע וועט עס סוף כל סוף דאָך פאַר־שטעהן. — זאָג ניט ווען איך וועל זיין פריי וועל איך לערנען דען מעגליך אַז דו ווערסט קיינמאָל ניט פריי זיין.

ו. ער פלעגט זאָגען: אַ'ן אונוויסענדער קען זיך ניט היטען פון זינד; אַ'ן עם הארץ קען ניט זיין אַ פרומער; אַ שעה־

# די לעהרען פון די פאַטערס

מעוודיגער קען קיין זאַך ניט לערנען; אַ בייזער קען ניט זיין קיין לעהרער; און ניט יעדער וואָס טהוט אַ סך געשעפ־טען ווערט דורך דעם קליגער; און דאָרט וואו עס זיינען ניטאָ קיין מענשען בע־מיה זיך דו צו זיין אַ מענש.

ז. אויך האָט ער אַ מאָל געזעהן אַ שאַר־בען וואָס איז געשוואומען אויפ'ן וואַ־וואַסער און האָט צו איהם געזאָגט: ווייל דו האָסט דערטרונקען האָט מען דיך דערטרונקען און דער סוף פון דיינע דערטרינקערס איז—דערטרונקען צו ווע־רען.

ח. ער פלעגט אויך זאָגען: דער וואָס

# די לערהרען פון די פאַטערס

מעהרט פלייש מעהרט ווערעם; דער וואָס מעהרט גיטער מעהרט זאָרג; דער וואָס מעהרט פרויען מעהרט צויבעריי; דער וואָס מעהרט דיענסטען מעהרט אויסגע־לאַסענהייט; דער וואָס מעהרט קנעכט מעהרט רויב; דער וואָס מעהרט תורה מעהרט לעבען; דער וואָס מעהרט פלייס מעהרט געלעהרזאַמקייט; דער וואָס מעהרט בעראַטהונג מעהרט פערשטענדיג־קייט און דער וואָס מעהרט צדקה מעהרט פריעדען. — האָט זיך איינער ערוואָר־בען אַ גוטען נאָמען — האָט ער איהם ערוואָרבען פאַר זיך; האָט ער זיך ער־וואָרבען די ווערטער פון דער תורה —

# די לעהרען פון די פאָטערס

האָט ער זיך ערוואָרבען יענע וועלט.

ט. רבן יוחנן דער זוהן פון זכאי, האָט איבערגענומען פון הלל און שמאַי. ער פלעגט זאָגען: אויב דו האָסט געלערענט פיעל תורה גיעב זיך ניט קיין דאַנק דערפאַר, דען דערויף ביסטו געשאַפען געוואָרען.

י. פינף תלמידים האָט געהאַט רבן יוחנן דער זוהן פון זכאי, און דאָס זיינען זיי: רבי אליעזר דער זוהן פון הורקנוס, רבי יהושוע דער זוהן פון חנניה, רבי יוסי דער כהן, רבי שמעון דער זוהן פון נתנאל, און רבי אלעזר דער זוהן פון ערך.

# די לעהרען פון די פאָטערס

יא. ער פלעגט אויסצעהלען זייערע מעלות אַזוי: אליעזר דער זוהן פון הורקנוס איז אַ'ן אויסגעקאַלכטע וואַסער־גרוב וואָס פאַרליערט ניט אַ טראָפּען; יהושוע דער זוהן פון חנניה — אַזש וואוהל צו דער וואָס האָט איהם געבאָרען; יוסי דער כהן איז אַ פרומער; שמעון דער זוהן פון נתנאל איז אַ'ן אָפּגעהיטער פון זינד, און אלעזר דער זוהן פון ערך איז אַזוי ווי אַ קוואַל וואָס האַלט זיך אין איין שטאַרקען.

יב. ער פלעגט זאָגען: ווען אַלע געלעהרטע פון דעם אידישען פאָלק זאָלען זיין אויף איין וואָגשאָל און אליעזר דער זוהן פון

# די לעהרען פון די פאַטערס

הורקנוס אויף דער צווייטער וואָגשאָל—
וועגט ער זיי אַלעמען אַריבער.
אַבא שאול זאָגט אין זיין נאָמען: ווען
אַלע געלעהרטע פון דעם אידישען פאָלק
זאָלען זיין אויף איין וואָגשאָל, און
אליעזר דער זוהן פון הורקנוס אויך
מיט זיי, און אלעזר דער זוהן פון ערך
אויף דער צווייטער וואָגשאָל — וועגט
ער זיי אַלעמען אַריבער.

יג. ער האָט צו זיי געזאָגט: געהט און
זעהט וועלכער איז דער גוטער וועג וואָס
דער מענש זאָל זיך אָן איהם בעהעפ־
טען? — רבי אליעזר האָט געזאָגט:
אַ גוט אויג. רבי יהושוע האָט געזאָגט:

# די לערהרען פון די פאַטערס

אַ גוטער חבר. רבי יוסי האָט געזאָגט:
אַ גוטער שכן. רבי שמעון האָט געַ־
זאָגט: דער וואָס זעהט פאָראויס דאָס
קומענדיגע. רבי אלעזר האָט געזאָגט: אַ
גוט הארץ. האָט ער זיך אָפּגערופען צו
זיי: איך זעה איין די ווערטער פון
אלעזר דעם זוהן פון ערך, מעהר ווי
אייערע ווערטער דען אין זיינע ווערטער
ליעגען שוין אייערע ווערטער.

יד. ער האָט צו זיי געזאָגט: געהט און
זעהט, וועלכער איז דער שלעכטער וועג
פון וועלכען דער מענש זאָל זיך דערוויי־
טערען? — רבי אליעזר האָט געזאָגט:
אַ שלעכט אויג. רבי יהושע האָט געַ־

# די לעהרען פון די פאָטערס

זאָגט : אַ שלעכטער חבר. רבי יוסי האָט
געזאָגט : אַ שלעכטער שכן. רבי שמעון
האָט געזאָגט : דער וואָס באָרגט און בע־
צאָהלט ניט ; דען ס'איז אַלץ איינס,
דער וואָס באָרגט פון אַ מענשען ווי דער
וואָס באָרגט פון גאָט. ווי עס ווערט גע־
זאָגט „דער שלעכטער באָרגט און בע־
„צאָהלט ניט און דער צדיק איז לייטזע־
„ליג און שענקט" (תהלים לז. כא).
רבי אלעזר האָט געזאָגט : אַ שלעכט
הערץ. האָט ער זיך אָפּגערופען צו זיי :
איך זעה איין די ווערטער פון אלעזר
דעם זוהן פון ערך מעהר ווי אַייערע
ווערטער דען אין זיינע ווערטער ליעגען
שוין אייערע ווערטער.

# די לעהרען פון די פאָטערס

טו. יעדער פון זיי האָט געזאָגט דריי זאכען.
רבי אליעזר האָט געזאָגט: זאָל דער־
כבוד פון דיין מיט־מענשען דיר זיין
אַזוי ליעב ווי דיין אייגענער, ווער ניט
לייכט אין כעס און טהו תשובה אַ טאָג
פאַר דיין טויט. — (ער האָט אויך גע־
זאָגט) וואַרעם זיך געגען דעם פייער פון
די חכמים אָבער היט זיך פאַר זייער
קויהל כדי דו זאָלסט זיך ניט אָפּברענען,
דען זייער ביס איז דער ביס פון אַ
פוקס, און זייער שטאָך איז דער שטאָך
פון אַ שקאָרפּיאָן און זייער שיפּען איז
דאָס שיפּען פון אַ שלאַנג און אַלע זיי־
ערע ווערטער זיינען ווי פייערדיגע
קויהלען.

# די לעהרען פון די פאָטערס

טז. רבי יהושוע האָט געזאָגט: אַ שלעכט אויג, אַ שלעכטע נייגונג און שנאָה צו לייטען ברינגען דעם מענשען פון דער וועלט.

יז. רבי יוסי האָט געזאָגט: זאָל דאָס געלד פון דיין חבר זיין אַזוי טהייער ווי דיין אייגענס; און גרייט זיך גוט צו, צו לערנען די תורה, דען זי געהט ניט אי־בער צו דיר בירושה; און אַלע דיינע מעשים זאָלען זיין פון גאָט'ס וועגען.

יח. רבי שמעון האָט געזאָגט: היט אָפּ קריאַת־שמע און די תפלות; און ווען דו ביסט מתפלל מאַך ניט דיין געבעט אַזוי ווי אַ מוז־אַרבייט נאָר ווי אַ בע־טען פון מיטלייד און גענאָד, ביי דעם

# די לעהרען פון די פאָטערס

וואָס איז אומעטום, ווי עס ווערט געזאָגט „דען ער איז לייטזעליג און באַרעמהערציג, געדולדיג און פול מיט גענאָד, און באַדענקט זיך וועגען דער שטראָף" (יואל ב. ג.) ; און זיי נים פאַררעכענט ביי זיך פאַר שלעכט.

יט. רבי אלעזר האָט געזאָגט : זיי פלייסיג צו לערנען תורה, און וויים וואָס צו ענטפערען דעם ניט גלויביגען ; און וויים אויך אין וועמענ'ס געגענוואַרט דו אַרבייטסט און ווער עס איז דיין אַרביים־געבער, וואָס וועט דיר בעצאָהלען דעם לויהן פאר דיין מיה.

כ. רבי טרפון האָט געזאָגט : דער טאָג איז קורץ, און די אַרבייט איז לאַנג, און

# די לעהרען פון די פאָטערם

די אַרבייטער זיינען פוילענצער, און דער לויהן איז גרוים און דער בעל-הבית טרייבט.

כא. ער פלעגט אויך זאָגען: עס ליגט ניט אויף דיר די אַרבייט צו ענדיגען, אָבער דו ביסט ניט (אין גאַנצען) אַ פרייער זיך פון איהר אַרויסצומאַכען; אויב דו האָסט געלערענט פיעל תורה, גיט מען דיר פיעל לויהן, און דיין אַרבייט-געבער איז אַ בטוח אַז ער וועט דיר בע-צאָהלען דעם לויהן פאַר דיין מיה, און וויים, אַז די לויהן-אָפּצאָהלונג פון די צדיקים איז אין דער צוקונפט.

## דריטער פרק

**א.** עקיבא דער זוהן פון מהללאל זאָגט: בע־טראַכט גוט דריי זאַכען און דו וועסט ניט קומען צו קיין זינד — וויים פון וואַנען דו קומסט אַרויס, וואוהין דו געהסט, און פאַר וועמען דו ביסט אָנגע־ברייט אָבצוגעבען אַ דין וחשבון. פון וואַנען קומסטו ארויס ? — פון אַ פער־פוילטען טראָפּען. וואוהין געהסטו ? — אין אַן אָרט פון שטויב און ווערעם און מאַיל. און פאַר וועמען שטעהסטו אָנגע־

# די לעהרען פון די פאָטערס

בריוט אָפּצוגעבען אַ דין וחשבון ? —
פאַר דעם קעניג פון אַלע קעניגען, פאַר
דעם הייליגען, געלויבט איז ער.

ב. רבי חנניא, דער אונטער-כחן-גדול,
זאָגט : טהו תפלה פאַר דאָס גליק
פון דער רעגיערונג, דען ווען ניט די
מורא פאַר איהר וואָלט איין מענש דעם
צווייטען אַ לעבעדיגען אײנגעשלונגען.

ג. רבי חנניא דער זוהן פון תרדיון זאָגט:
צוויי וואָס זיצען בײנאַנד און עס פאַלען
צווישען זיי ניט קיין תורה-ווערטער איז
עס אַ זיצונג פון לעסטערערס, וועגען
וועלכער עס ווערט געזאָגט „און אין
„דער זיצונג פון לעסטערערס איז ער ניט

# די לעהרען פון די פאָטערס

„געזעסען" (תהלים א. א.). אָבער צוויי וואָס זיצען בייגאַנד און צווישען זיי פאַלען יא תורה-ווערטער, רוהט די שכינה צווישען זיי. ווי עס ווערט גע־זאָגט „דאַן האָבען די גאָטספאָרכטיגע גע־„רעדט איינער צום אַנדערען, און גאָט „האָט זיך צוגעהאָרכט און איינגעהערט „און עס איז ביי איהם פאַרשריבען גע־„וואָרען אַ שריפט פון ערינערונג אָן „די גאָטספאָרכטיגע און אָן די וואָס „טראַכטען פון זיין נאָמען" (מלאכי ג. טז.). דערפון ווייסען מיר בלויז אויף צוויי; פון וואַנען איז געדרונגען אַז אפילו איינער וואָס זיצט און בעשעפטיגט

זיך מיט דער תורה, בעשטימט פאר
איהם אַ לויהן, דער הייליגער גע־
לויבט איז ער ? ווייל עס ווערט גע-
זאָגט („גוט איז דעם מאַן...) וואָס
„זיצט איינזאַם א. א. וו." (איכה ג. כח.).

ד. רבי שמעון זאָגט: דריי וואָס האָבען גע-
געסען ביי איין טיש און האָבען ביי
איהם ניט געזאָגט קיין תורה-ווערטער,
איז אַזוי ווי זיי וואָלטען געגעסען פון
די קרבנות (וואָס די געצענדינער בריג-
גען) פאַר די טויטע, ווי עס ווערט גע-
זאָגט„אַלע טישען זיינען פול מיט אויס-
געבראָכענעם שמוץ ביז עס איז מעהר
קיין (רוינער) פלאַץ ניטאָ" (ישעיה

# די לעהרען פון די פאָטערס

כת. ח.) אָבער דריי וואָס האָבען געגעסען און האָבען יא געזאָגט ביי איהם תורה-ווערטער, איז אַזוי ווי זיי וואָלטען געגעסען פון דעם טיש פון דעם וואָס איז אומעטום, ווי עס ווערט געזאָגט „און ער האָט צו מיר געזאָגט: „דאָס איז דער טיש וועלכער שטעהט פאַר „גאָט" (יחזקאל לט. כב.).

ה. רבי חנינא דער זוהן פון חכיני זאָגט: דער וואָס איז אויף ביי נאַכט און געהט אַליין אין וועג און ווענדעט זיין הערץ אויף פוסטע זאַכען — פערשולדיגט זיין אייגענעם לעבען.

ו. רבי נחוניא דער זוהן פון הקנה זאָגט: דער וואָס נעהמט אויף זיך דעם יאָך פון

# די לעהרען פון די פּאָטערס

דער תורה טהוט מען אָפּ פון איהם דעם יאָך פון דער רעגיערונג און דעם יאָך פון וועלטליכע זאַכען, און דער וואָס טהוט אוים פון זיך דעם יאָך פון דער תורה לעגט מען אויף איהם אַרויף דעם יאָך פון דער רעגיערונג און דעם יאָך פון וועלטליכע זאַכען.

ז. רבי חלפתא, דער זוהן פון דוסא, פון דעם דאָרף חנניא, זאָגט: צעהן וואָס זי־צען און בעשעפטיגען זיך מיט דער תורה, רוהט די שכינה צווישען זיי, ווי עס ווערט געזאָגט „גאָט שטעהט צווישען דער גאָטספאָרכטיגער פערזאַמלונג*)

---

*) עדה — פערזאמלונג, מיינט געוועהנ־ליך צעהן אדער מעהר.

# די לעהרען פון די פאָטערס

(תהלים פב. א.). און פון וואַנען איז געדרונגען אַז אפילו ווען פינף ? ווייל עס ווערט געזאָגט „און זיין פער-באַנד*) האָט ער געגרינדעט אויף דער ערד". (עמוס ט. ו.). און פון וואַנען איז געדרונגען אַז אַפילו ווען דריי ? ווייל עס ווערט געזאָגט „ער אורטהיילט „אין מיטען פון ריכטער**" (תהלים פב. א.). און פון וואַנען איז געדרונגען אַז אפילו ווען צוויי ? ווייל עס ווערט געזאָגט „דאַן האָבען די גאָטספאָרכטיגע

*) אגודה — פערבאנד. מיינט גע-ווערנליך פינף אדער מעהר.
**) די געוועהנליכע צאהל פון די ויאס פלעגען זיצען אין געריכט איז געווען דריי.

„גערעדט איינער צו דעם אַנדערען און
„גאָט האָט זיך צוגעהאָרכט און האָט
„געהערט“ (מלאכי ג. טז.). און פון
וואַנען איז געדרונגען אַז אפילו ווען
איינער? ווייל עס ווערט געזאָגט „אין
„אין יעדען אָרט אַוואו איך וועל האָבען
„מיין נאָמען דערמאָהנט, וועל איך קו-
„מען צו דיר און וועל דיך בענשען;“
(שמות כ. כד.).

ח. רבי אלעזר פון בר תותא זאָגט. גיעב
איהם פון דעם וואָס איז זיינס, דען דו
און וואָס איז דיינס, איז זיינס. און
אַזוי ווערט דורך דוד'ן געזאָגט „דען
„פון דיר קומט אַלץ, און פון דיין האַנד

# די לעהרען פון די פאָטערס

„האָבען מיר דיר געגעבען" (דברי הימים כט. יד).

ט. רבי שמעון זאָגט: דער וואָס געהט אין וועג און האַלט אין לערנען און האַקט איבער זיין לערנען צו זאָגען „ווי שעהן איז דער בוים! ווי שעהן איז דאָס פעלד!" פאַררעכענט איהם די הייליגע שריפט, אַזוי ווי ער וואָלט פאַרשולדיגט זיין לעבען.

י. רבי דוסתאי דער זוהן פון רבי ינאי, אין דעם נאָמען פון רבי מאיר'ן, זאָגט: דער וואָס פאַרגעסט איין זאַך פון זיין לערנען, פאַררעכענט עס איהם די הייליגע שריפט, אַזוי ווי ער וואָלט פאַר-

# די לעהרען פון די פאַטערס

שולדיגט זיין לעבען, ווי עס ווערט גע-
זאָגט „אָבער דו זאָלסט אָפּגעהיט זיין און
„זאָלסט זעהר היטען דיין זעעל, אַז דו
„זאָלסט ניט פאַרגעסען די זאַכען וואָס
„דיינע אויגען האָבען געזעהן" (דברים
ד. ט.). קען מען דאָך מיינען אַז דאָס
איז אפילו ווען דאָס לערנען איז גע-
ווען צו שווער פאַר איהם? ווערט אונז
געלערענט אַזוי צו זאָגען : „כדי זיי
„זאָלען ניט אָ פּ ג ע ט ה אָ ן ווערען
„פון דיין הערצען אַלע טעג פון דיין
„לעבען" (דברים ד. ט.). דאָס מיינט, אַז
ער פאַרשולדיגט ניט זיין לעבען סיידען
ער טהוט זיי אָפּ פון זיין הערצען
א ו מ י ס ט ע ן .

# די לעהרען פון די פאָטערס

**יא.** רבי חנינא דער זוהן פון דוסא זאָגט: דער וואָס זיין אָפּגעהיטקייט פֿון זינד קומט ביי איהם פאַר זיין געלעהרזאַמ־קייט, האָט זיין געלעהרזאַמקייט אַ בע־שטאַנד; און דער וואָס זיין געלעהר־זאַמקייט קומט ביי איהם פאַר זיין אָפּ־געהיטקייט פון זינד, האָט זיין געלעהר־זאַמקייט קיין בעשטאַנד ניט

**יב.** ער פלעגט אויך זאָגען: דער וואָס זיינע מעשים זיינען מעהר ווי זיין געלעהר־זאַמקייט, האָט זיין געלעהרזאַמקייט אַ בעשטאַנד; און דער וואָס זיין געלעהר־זאַמקייט איז מעהר ווי זיינע מעשים, האָט זי ן געלעהרזאַמקייט קיין בעשטאַנד ניט.

# די לעהרען פון די פאָטערם

יג. ער פלעגט אויך זאָגען: דער וואָס לייט זיינען צופריעדען מיט איהם, איז גאָט אויך צופריעדען מיט איהם; און דער וואָס לייט זיינען מיט איהם ניט צו־פריעדען איז גאָט אויך ניט צופריע־דען מיט איהם.

יד. רבי דוסא דער זוהן פון הרכינס, זאָגט: שלאָפען (שפּעט) אין דער פריה, וויין אין מיטען טאָג, קינדערשע פּלוידעריי און זיצען אין די זאַמעל־פּלעצער פון גראָבע מענשען, ברינגען דעם מענ־שען פון דער וועלט.

טו. רבי אלעזר פון מודעים, זאָגט: דער וואָס פאַרשוועכט די הייליגקייטען, דער

# די לעהרען פון די פאָטערם

וואָס שענדעט די פייערטעג, דער וואָס פאַרשעהמט דאָס פנים פון זיין חבר פאַר אַ'ן עולם, דער וואָס צושטערט דעם בונד פון אַברהם אָבינו עליו השלום, און דער וואָס לעגט אריין אין דער תורה ניט די ריכטיגע אויסטייטשונג—הגם ער בעזיצט תורה און גוטע מעשים, וועט ער קיין חלק אויף יענער וועלט ניט האָבען.

טז. רבי ישמעאל זאָגט : האַלט זיך קליין פאַר אַ העכערען, און מילד צו אַן אונ־טערטהעניגען ; און נעהם אויף יעדען מענשען מיט פריוד.

יז. רבי עקיבא זאָגט : שפּאַס און לייכזי־

# די לעהרען פון די פאָטערס

:יגקייט געוואוהנען אַ מענשען צו אויס־
געלאַסענהייט. — די מסורה *) איז
אַ צאהם אַרום דער תורה. מעשר (וואָס
מע גיט) איז אַ צאהם ארום רייכטהום.
הייליגע פאַרשפּרעכונגען זיינען אַ צאהם
פאַר מעסיגקייט. אַ צאַהם אַרום חכמה
איז — שווייגען.

יח. ער פלעגט זאָגען : ליעב איז דער מענש
דען ער איז אין גאָט'ס געשטאַלט געשאַ־
פען געוואָרען. אַ בעזונדערע ליעבשאַפט
איז דעם מענשען אַרויסגעוויזען גע־

---

*) מסורה — איבערגעבונג פון דור צו דור, בעזונדערס די איבערגעבונג פון דער ריכטיגער אויסלייגונג, אויסשפּראַך, אויס־טייטשונג א. א. וו. פון תנ"ך.

# די לעהרען פון די פאַטערס

וואָרען מיט דעם וואָס ער איז געשאַפען
געוואָרען אין גאָט'ס געשטאַלט, ווי עס
ווערט געזאָגט „אין גאָט'ס געשטאַלט האָט
„ער דעם מענשען בעשאַפען" (בראשית
ט. ו.). ליעב זיינען אידען דען זיי ווע־
רען אָנגערופען קינדער פון גאָט. אַ
בעזונדערע ליעבשאַפט איז זיי ארויס־
געוויעזען געוואָרען מיט דעם וואָס זיי
ווערען אָנגערופען קינדער פון גאָט.
ווי עס ווערט געזאָגט „איהר זייט קינ־
„דער ביי גאָט אַייער האַרר" (דברים יד.
א.). ליעב זיינען אידען דען זיי איז
געגעבען געוואָרען אַ טהייער געציוג. אַ
בעזונדערע ליבשאַפט איז זיי אַרויסגע־

# די לעהרען פון די פאַטערס

וויעזען געוואָרען מיט דעם וואָס זיי איז
געגעבען געוואָרען דאָס טהייערע געצייג
מיט וועלכען די וועלט איז בעשאַפען גע־
וואָרען, ווי עס ווערט געזאָגט „דען אַ
„גוטע לעהרע האָב איך אַייך געשאָנקען;
„מיין תורה זאָלט איהר ניט פערלאָזען"
(משלי ד. ב.).

יט. אַלצדינג ווערט פאָראויס געזעהן, אָבער
פרייהייט איז געגעבען (יעדען איינעם);
די וועלט ווערט געמשפט מיט גענאָד און
אַלץ לויט דער גרייס פון די מעשים.

כ. ער פלעגט אויך זאָגען: אַלץ ווערט גע־
געבען אויף משכון בלויז, און אַ נעץ
איז פאַרשפרייט פאַר אַלע וואָס לעבען;

# די לעהרען פון די פּאָטערס

די קראָם איז אָפּען, דער קרעמער גיט אויף באָרג, דאָס בוך איז אָפּען און די האַנד פאַרשרייבט; און דער וואָס וויל לייהען קען קומען און לייהען, אָבער די אַיינמאָהנערס געהען אַרום שטענדיג, יעדען טאָג, און קריגען בעצאָהלט פון דעם מענשען, סאַי ער וויל סאַי ער יויל ניט, דען זיי האָבען זיך אויף וואָס צו שטיצען; און דער אורטהייל איז אַ'ן אמת'ער אורטהייל; און אַלצדינג איז גרייט צו דער סעודה.

כא. רבי אלעזר דער זוהן פון עזריה זאָגט: וואו עס איז ניטאָ קיין תורה איז ניטאָ קיין מענשליכקייט, און וואו עס איז

# די לעהרען פון די פאָטערס

ניטאָ קיין מענשליכקייט איז ניטאָ קיין תורה ; וואו עס איז ניטאָ קיין גע־לעהרטקייט איז ניטאָ קיין גאָטספאָרכ־טיגקייט, און וואו עס איז ניטאָ קיין גאָטספאָרכטיגקייט איז ניטאָ קיין גע־לעהרטקייט. וואו עס איז ניטאָ קיין קענ־טענים איז ניטאָ קיין פערשטאַנד, און וואו עס איז ניטאָ קיין פערשטאַנד איז ניטאָ קיין קענטענים. וואו עס איז ניטאָ קיין מעהל (אויף ברויט) איז ניטאָ קיין תורה, און וואו עס איז ניטאָ קיין תורה איז ניטאָ קיין מעהל.

כב. ער פלעגט אויך זאָגען : דער וואָס זיין געלעהרזאַמקייט איז גרעסער פאַר זיינע

## די לעהרען פון די פאַטערס

מעשים. צו וואָס איז ער גליוך ? צו
אַ בוים וואָס זיינע צווייגען זיינען פיעל
און זיינע וואָרצלען וועניג, און ווען
עס קומט אַ שטורם רייסט ער איהם אויס
און קעהרט איהם איבער מיט'ן פנים
אַראָפּ, ווי עס ווערט געזאָגט „און ער
וועט זיין ווי אן איינזאַמער אין דער
וויסטע און ער וועט ניט זעהן דאָס גוטס
ווען עס וועט אָנקומען, און ער וועט
בלייבען פאַרדאַרט אין דער מדבר, אין
אַ לאַנד וואָס איז זאַלציג און ניט באַ־
וואוהנט“ (ירמיה יז. ו.). אָבער דער
וואָס זיינע מעשים זיינען גרעסער פאַר
זיין געלעהרזאַמקייט, צו וואָס איז ער־

# די לעהרען פון די פאַטערס

גלייך ? צו אַ בוים וואָס זיינע צווייגען
זיינען ווענינ און זיינע וואָרצלען פיעל,
וואָס אַפילו אַלע שטורעמס פון דער
וועלט מעגען קומען און בלאָזען אויף
איהם, ריהרען זיי איהם פון אָרט ניט,
ווי עס ווערט געזאָגט „און ער וועט זיין
„ווי אַ בוים אַיינגעפלאַנצט ביים וואַ־
„סער וואָס שפּרייט אויס זיינע וואָרצ־
„לען פאַזע טייך, און בעמערקט גאָר ניט
ווען עס קומט אַ היץ, און זיין בלאַט
„איז גרין און אין אַ טרוקענעם יאָהר
„קימערט ער זיך ניט און הערט ניט
„אויף צו טראָגען פּרוכטען". (ירמיה
יז. ח.).

# די לעהרען פון די פאַטערס

**כג.** רב אלעזר חסמא זאָגט : **די דינים** וועגען טויבען־קרבנות (הגם זיי ווערען ניט מעהר אנגעווענדעט), און (די דינים) וועגען פרויען־רייניגונג (הגם ניט ציכטיג) זיינען דאָך וויכטיגע הויפט געזעצען. — די אויסרעכענונג פון די תקופות און רעכענ־קונסט זיינען פאַרשפּייזען (ד״ה נייטהיגע פאַרבערייטונגען) פאַר געלעהרזאַמקייט.

## פיערדטער פרק

**א.** ווער איז אַ געלעהרטער ? דער וואָס לערנט פון יעדען מענשען, ווי עס ווערט געזאָגט „פון אַלע מיינע לעהרערס האָב „איך געלערנט פערשטאַנד". (תהלים קיט. צט). ווער איז אַ גבור ? דער וואָס בע־צווינגט זיין נאַטור, ווי עס ווערט גע־זאָגט „דער וואָס אונטערדריקט זיין „צאָרן איז בעסער ווי אַ גבור, און דער „וואָס בעצווינגט זיין גייסט — ווי דער וואָס נעהמט איין אַ שטאָדט" (משלי

טז. לב). ווער איז אַ רייכער ? דער
וואָס איז צופרידען מיט זיין טהייל, ווי
עס ווערט געזאָגט „ווען דו וועסט עסען
„די מיה פון דיינע הענד, וואוהל איז
„דיר און גוט איז דיר". (תהלים קכח.
ב.). וואוהל איז דיר אויף דער וועלט און
גוט איז דיר אויף יענער וועלט. ווער
פארדינט אַכטונג ? דער וואָס אַכטעט
מענשען, ווי עס ווערט געזאָגט „די וואָס
„אַכטען מיך וועל איך אַכטען, און די
„וואָס פאַראַכטען מיך וועלען פאַראַכטעט
„ווערען" (שמואל א. ב. ל.).

ב. בן עזאי זאָגט: לויף צו אַ קלײנער
מצוה ווי צו אַ גרויסער, און אַנטלויף

פון זינד. דען איין גוטע טהאַט ברינגט נאָך זיך אַ (צווייטע) גוטע טהאַט און איין זינד ברינגט נאָך זיך אַ (צווייטע) זינד, ווייל די בעלויהנונג פון אַ גוטער טהאַט איז אַ גוטע טהאַט, און די בעלויה־נונג פון אַ זינד — אַ זינד.

ג. ער פלעגט אויך זאָגען: זאָלסט קיין מענשען ניט פאַראַכטען, און זאָלסט קיין זאַך ניט אַוועגמאַכען דען עס איז ניטאָ אַ מענש וואָס האָט ניט זיין צייט, און עס איז ניטאָ אַ זאַך וואָס האָט ניט איהר פּלאַץ.

ד. רבי לויטס פון יבנה, זאָגט: זיי זעהר און זעהר קליין ביי זיך דען די האָפ־

# די לעהרען פון די פאָטערס

נונג פון אַ מענשען איז אַ ווארעם.

ד. רבי יוחנן דער זוהן פון ברוקא, זאָגט: דער וואָס פאַרשוועכט גאָט'ס נאָמען פאַר־באָרגענערהייד, רעכענט מען זיך אָפּ מיט איהם עפענטליך. און ביי פערשוועכונג פון גאָט'ס נאָמען איז אַלץ איינס — סאַי געטהאָן גערן סאַי געטהאָן אומגערן.

ו. רבי ישמעאל, זיין זוהן זאָגט: דער וואָס לערנט אַליין כדי צו לערנען אַנ־דערע, גיט מען איהם די מעגליכקייט, אי אַליין צו לערנען, אי אַנדערע צו לער־נען, און דער וואָס לערנט כדי צו טהאָן, גיט מען איהם די מעגליכקייט אי אַליין צו לערנען, אי צו לערנען אַנדערע, אי אָפּצוהיטען און צו טהאָן.

# די לעהרען פון די פּאַטערס

ז. רבי צדוק זאָגט: זאָלסט זיך ניט אָפּ־
זונדערען פון דעם צבור; און (ווען
מע קומט צו דיר פאר געריכט) שפּיעל
ניט די ראָליע פון אַ'ן אַדוואָקאַט; און
מאַך ניט פון איהר (דיין געלעהרזאַמ־
קייט) אַ קרוין מיט וועלכער זיך צו
גרייסען אָדער אַ רידעל מיט וועלכען
צו גראָבען. און אַזוי פלעגט הלל אויך
זאָגען: און דער וואָס בענוצט זיך
מיט דער קרוין מוז אונטערגעהן. דער־
פון לערענסטו, אַז דער וואָס ציהט ארויס
נוצען פון די ווערטער פון דער תורה,
ברינגט אום זיין לעבען פון דער וועלט.

ח. רבי יוסי זאָגט: ווער עס אכטעט די

# די לעהרען פון די פאָטערס

**תורה ווערט אַליין געאַכטעט פון לייטען און דער וואָס פאַרשוועכט די תורה ווערט פעראַכטעט פון לייטען.**

ט. רבי ישמעאל, זיין זוהן זאָגט: דער וואָס מיידט אוים דעם אמט פון א ריכטער, בעפרייט זיך פון פיינדשאַפט, רויבעריי און פאַלש־שווערען; און דער וואָס פיהלט זיך שטאָלץ ווען ער גיט ארוים אַ'ן אורטהייל, איז אַ נאַר, אַ פערברע־כער, און אַ גרויסהאַלטער.

י. ער פלעגט אויך זאָגען: ברינג ניט אַרוים אַ'ן אורטהייל איינער אַליין, דען קיינער קען ניט אַרויסברינגען אַ'ן אור־טהייל איינער אַליין אויסער דער איין־

## די לעהרען פון די פאָטערס

איינציגער (גאָט). און זאָלסט ניט זאָ־
גען : נעהמט אָן מיין מיינונג. דען
זיי האָבען די ברירה ניט דו.

יא. רבי יונתן זאָגט : דער וואָס איז מקים
די תורה אין אָרעמקייט וועט זי אַ מאָל
מקים זיין אין רייכקייט ; און דער
וואָס פאַרלאָזט די תורה צוליעב רייכ־
קייט וועט זי אַ מאָל פאַרלאָזען צוליעב
ארעמקייט.

יב. רבי מאיר זאָגט : פארמינדער דיינע געז־
שעפטען און בעשעפטיג זיך מיט דער
תורה ; און האַלט זיך קליין פאר יעדען
מענשען. — אויב דו ווילסט פארלאָ־
זען די תורה, וועסטו בעגעגענען אַ סך

# די לעהרען פון די פאָטערם

שטערונגען, אָבער אויב דו ווען זיך בעשעפטיגען מיט דער תורה האָט ער אַ גרויסע בעלויהנונג דיר צו געבען.

יג. רבי אלעזר דער זוהן פון יעקב זאָגט: דער וואָס טהוט איין מצוה שאַפט זיך איין איין פערטהיידיגער, און דער וואָס באַגעהט איין זינד שאַפט זיך איין איין בעשולדיגער. תשובה און גוטע מעשים זיינען אַ פּאַנצער קעגען בעשטראפונג.

יד. רב יוחנן דער פּאַנטאָפעל־מאַכער, זאָגט: יעדע פאַרזאַמלונג וואָס איז פון גאָט'ס וועגען וועט האָבען א בעשטאַנד, און די וואָס איז ניט פון גאָט'ס וועגען וועט ניט האָבען קיין בעשטאַנד.

# די לעהרען פון די פאָטערם

טו. רבי אלעזר דער זוהן פון שמוע זאָגט: זאָל דער כבוד פון דיין תלמיד דיר זיין אַזוי טהייער ווי דיין אייגענער, און דער כבוד פון דיין חבר—ווי די מורא פאַר דיין לעהרער, און די מורא פאר דיין לעהרער — ווי די מורא פאַר גאָט.

טז. רבי יהודה זאָגט: היט זיך ביים לער־נען דען אַ פערזעהן אין לערנען קען אַ מאָל ווערען אַ זינד געטהאָן מיט אַ כיוון.

יז. רבי שמעון זאָגט: דריי קרוינען זיינען פאַראַן — די קרוין פון תורה, די קרוין פון פריסטערשאַפט און די קרוין פון קעניגשאַפט. אָבער די קרוין פון א גו־טען נאָמען שטייגט זיי אַלע אַריבער.

# די לעהרען פון די פאַטערס

יח. רבי נהוראי זאָגט : וואנדער אַוועג צו
אַ פּלאַץ פון תורה און דענק ניט אַז זי
(די תורה) וועט קומען נאָך דיר ; דען
דיינע חברים וועלען זי איינפעסטיגען
אין דיר. און אויף דיין אייגענעם פער־
שטאַנד זאָלסטו זיך ניט פערלאָזען.

יט. רבי ינאַי זאָגט : מ י ר האָבען ניט—
ניט דעם נחת פון די רשעים, ניט די
ליידען פון די צדיקים.

כ. רבי מתיא דער זוהן פון חרש זאָגט :
געה יעדען מענשען אנטקעגען מיט אַ
בעגריסונג ; און זיי בעסער אַ וויידעל
ביי לייבען ווי אַ קאָפּ ביי פיקס.

כא. רבי יעקב זאָגט : די וועלט איז גלייך

צו אַ פאָדער־צימער ; מאַך זיך צו־
רעכט אין דעם פאָדער־צימער כדי דו
זאָלסט קענען אַריינגעהן אינוועניג אין
פּאַלאַץ.

כב. ער פלעגט אויך זאָגען : בעסער איין
שעה תשובה און גוטע מעשים אויף דער
וועלט ווי דאָס גאַנצע לעבען אויף יענער
וועלט ; און בעסער איין שעה פאַרגעני־
גען אויף יענער וועלט ווי דאָס גאַנצע
לעבען אויף דער וועלט.

כג. רבי שמעון דער זוהן פון אלעזר זאָגט :
זוך נים צו בערוהיגען־דיין פריינד ווען
ער איז אין כעס, און טרייסט איהם ניט
ווען זיין בר מנן ליגט פאר איהם, און

רעד איהם ניט אָפּ פון אַ נדר גלייך נאָכדעם ווי ער האָט איהם געמאַכט, און וויל איהם ניט זעהן ווען ער איז אין אַ מיאוסער לאַגע.

כד. שמואל דער אינגערער פלעגט אָפט זאָגען (דעם פסוק): „ווען דיין שונא פאַלט „זאָלסטו זיך ניט פרעהען און ווען ער „ווערט געשטרויכעלט זאָל דיין הערץ „ניט לוסטיג זיין, דען גאָט וועט עס „זעהן און עס וועט איהם פארדריסען „און ער וועט אָפּקעהרען פון איהם זיין „צאָרן" (משלי כד. יז—יח).

כה. אלישע דער זוהן פון אבויה זאָגט: דער וואָס לערענט קינדווייז צו וואָס איז ער

# די לעהרען פון די פאָטערס

גלייך ? צו טינט וואָס איז געשריבען
אויף נייעם פּאַפּיער. אָבער דער וואָס
לערנט אַלטערהייד, צו וואָס איז ער
גלייך ? צו טינט וואָס איז געשריבען
אויף אויסגעריבענעם פּאַפּיער.

כו. רבי יוסי דער זוהן פון יהודה, פון כפר
בבלי, זאָגט : דער וואָס לערנט פון די
יונגע צו וואָס איז ער גלייך ? צו דעם
וואָס עסט זויערע ווייַנטרויבען און
טרינקט וויין פריש פון זיין קעלטער ;
אָבער דער וואָס לערענט פון די אַלטע, צו
וואָס איז ער גלייך ? צו דעם וואָס עסט
צייטיגע ווייַנטרויבען און טרינקט אַל-
טען וויין.

# די לעהרען פון די פאָטערס

כז. רבי זאָגט: קוק ניט אויף דעם קרוג נאָר אויף דאָס וואָס איז אין איהם, דען עס איז פאַראַן אַ נייער קרוג וואָס איז פול מיט אַלטען וויין, און פאַראַן אַן אַלטער קרוג וואָס אפילו קיין נייער וויין איז אין איהם אויך ניט פאַראַנען.

כח. רבי אלעזר הקפר זאָגט: קנאה, תאוה און כבוד ברייננגען דעם מענשען פון דער וועלט.

כט. ער פלעגט אויך זאָגען: די געבאָרענע זיינען אנגעברייט צו שטאַרבען און די געשטאָרבענע—ווידער לעבעדיג צו ווע־רען, און די לעבעדיגע—צו ווערען גע׳־משפט און צו וויסען און צו מאַכען בע־

# די לעהרען פון די פאָטערס

וואוסט און צו פאַרשטעהן אַז ער איז גאָט ; ער איז דער וואָס פורעמט און ער איז דער בעשעפער; ער איז דער אונטער־זוכער און ער איז דער ריכטער ; ער איז דער עדות, ער איז דער קלאָגער און ער איז דער וואָס וועט משפט'ען. געלויבט איז ער וואָס ביי איהם איז ניטאָ, ניט קיין אונגערעכטיגקייט און ניט קיין שאַנעוועו און ניט קיין שוחד נעהמען. און זיי וויסען אז אַלצדינג איז זיינס און אַלצדינג איז מיט אַ חשבון. און זאָל דיך דיין זונדיגע נאַ־טור ניט איינשמועסען אַז דער קבר איז אַ רעטונג־פּלאַץ פאַר דיר דען מוזענדיג

# די לעהרען פון די פּאָטערס

וועסטו בעשאַפען און מוזענדיג ווער־
סטו געבאָרען, און מוזענדיג לעבסטו און
מוזענדיג וועסטו שטאַרבען און מוזענ־
דיג וועסטו אָפּגעבען אַ דין וחשבון פאַר
דעם קעניג פון אַלע קעניגען, דעם היי־
ליגען, געלויבט איז ער.

# די לעהרען פון די פאָטערס

## פינפטער פרק

א. מיט צעהן שפּרוכען*) איז די וועלט בע־שאַפען געוואָרען. וואָס לאָזט עס אונז לערנען? האָט זי ניט געקענט מיט איין שפּרוך בעשאַפען ווערען? נאָר דאָס איז צו בעשטראָפען די רשעים וועלכע ברינ־גען אונטער אַ וועלט וואָס איז בעשאַפען געוואָרען מיט צעהן שפּרוכען, און צו געבען אַ בעלויהנונג די צדיקים וועלכע

*) זיך בעציהענדיג אויף דיא שפּרוכען „עס זאל זיין ליכט„ א. ז. וו.

# די לעהרען פון די פאַטערס

האַלטען אויף אַ וועלט וואָס איז בעשאַ־
פען געוואָרען מיט צעהן שפּרוכען.

2. צעהן דורות זיינען געווען פון אדם'ן ביז
נח'ן, כדי צו לאָזען וויסען, ווי פיעל
געדולד עס איז ביי איהם (גאָט) פאַראַן
אַז די אַלע דורות האָבען איהם געהאַל־
טען אין איין דערצאָרענען ביז ער האָט
אויף זיי געבראַכט דעם מבול.

ג. צעהן דורות זיינען געווען פון נח'ן ביז
אברהם'ן, צו לאָזען וויסען, אַז די אלע
דורות האָבען איהם געהאַלטען אין איין
דערצאָרענען ביז עס איז געקומען
אברהם און האָט צוגענומען דעם לויהן
וואָס זיי אַלע האָבען געזאָלט קריגען.

# די לעהרען פון די פאַטערס

ד. מיט צעהן פּרופונגען איז אברהם אָבינו, עליו השלום, געפּרופט געוואָרען, און ער איז זיי אַלע בייגעשטאַנען, צו לאָזען וויסען, ווי גרויס עס איז געווען די ליעבשאַפט (צו גאָט) פון אַברהם אָבינו עליו השלום.

ה. צעהן וואונדער זיינען געשעהן אונזערע עלטערען אין מצרים און צעהן — אויפ'ן ים.

ו. צעהן פלאגען האָט דער הייליגער, געלויבט איז ער, געבראַכט אויף די עגיפּטער אין מצרים, און צעהן אויפ'ן ים.

ז. מיט צעהן פּרופונגען האָבען אונזערע עלטערען געפּרופט דעם אַלמעכטיגען, גע־

# די לעהרען פון די פאָטערס

לויבט איז ער — אין דער וויסטע, ווי
עס ווערט געזאָגט „זיי האָבען מיך גע־
„פרופט שוין צעהן מאָל און האָבען זיך
„ניט צוגעהערט צו מיין שטים" (במדבר
יד, כב.).

ח. צעהן וואונדער פלעגען געשעהען אונזע־
רע עלטערען אין בית המקדש : — קיין
פרוי האָט ניט מפּיל געווען צוליעב דעם
געררוך פון דעם הייליגען פלייש ; דאָס
הייליגע פלייש האָט קיינמאָל ניט גע־
קריגען אַ שלעכטען ריח ; אַ פליעג האָט
זיך ניט בעוויזען אין דעם שלאַכט־הויז ;
קיין אונרייגער צופאַל האָט ניט פּאַסירט
דעם כהן גדול אום יום כפּור ; די רע־

# די לעהרען פון די פאַטערס

גענס האָבען ניט פארלאָשען דאָס פייער
פון די מזבח־האָלץ; קיין ווינד איז
ניט בייגעקומען דעם זייל פון דעם
(מזבח־)רויך; קיין פסול איז קיינ־
מאָל ניט געפונען געוואָרען, ניט אין דעם
עומר (דאָס מעסטעל ווייץ וואָס מע האָט
געבראכט אין בית המקדש דעם צווייטען
טאָג פסח) ניט אין די צוויי ברויטען
(וואָס מען האָט געבראכט אין בית
המקדש שבועות) און ניט אין די הייל־
ליגע חלות (וואָס פלעגען שטעהען אויף
אַ גאָלדענעם טיש אין הייליגטהום און
פלעגען בענייט ווערען אַלע וואָך); מען
פלעגט שטעהן אין בית המקדש צוזאַ־

## די לעהרען פון די פאַטערס

מענגעדריקט און דאָך פלעגט מען זיך
קענען געראַם בוקען ; קיין שלאַנג אָדער
שקאָרפּיאָן האָט קיינמאָל ניט געביסען
אין ירושלים, און ס׳האָט ניט פּאַסירט
אַז איינער זאָל זאָגען „עס איז מיר צו
„ענג דאָ דער פּלאַץ און איך קען ניט
„נעכטיגען אין ירושלים״.

ט. צעהן זאַכען זיינען בעשאַפען געוואָרען
ערב שבת פאַר נאַכט און דאָס זיינען זיי :
דער שלונד פון דער ערד (וואָס האָט
פאַרשלונגען קרח׳ן) ; די עפענונג פון
דעם ברונען (וואָס איז מיטגעגאַנגען מיט
אידען אין דער וויסטע) ; דער מויל
פון בלעם׳ס אייזעל ; דער רעגענבויגען ;

# די לעהרען פון די פאַטערם

דער מן ; משה'ס שטעקען ; דאָס שמיר־ווערעמעל (מיט וועלכען מען האָט ארומ־געשניטען די דימענטען וואָס דער כהן גדול האָט געטראָגען אויף דער ברוסט) ; די שריפט (פון די לוחות), דער שרייב־שטיפט און די לוחות אַליין. און אנ־דערע זאָגען : אויך די שדים, און דער קבר פון משה רבינו, און דער באַראַן וואָס אברהם אבינו האָט מקריב געווען (שטאט יצחק'ן). און אַנדערע זאָגען : אויך די ערשטע צוואַנג (מיט וועלכע עס זיינען דערנאָך אַנדערע געצייג גע־מאַכט געוואָרען).

י. זיבען זאַכען זיינען דאָ ביי אַ נאַררען

און זיבען ביי אַ קלוגען. דער קלוגער
רעדט ניט (ווען ער שטעהט) פאַר דעם
וואָס איז גרעסער פון איהם אין קענט־
ניס; ער שטעקט זיך ניט אריין אין
די רייד פון אַ צווייטען; ער אײלט
זיך ניט צו ענטפערען; ער פרעגט
צו דער זאַך און ענטפערט צום פונקט;
ער רעדט פון דער ערשטער זאַך צו־
ערשט און פון דער לעצטער צולעצט;
און אויף וואָס ער פערשטעהט ניט זאָגט
ער „איך פערשטעה ניט"; און ער
גיט צו דעם אמת. און דער היפך איז
ביי אַ נאַררען.

יא. זיבען זאָרטען שטראָפען קומען אויף

# די לעהרען פון די פאַטערס

דער וועלט פאר זיבען גרויסע זינד : —
ווען אַ טהייל מענשען גיבען מעשר און
אַ טהייל גיבען ניט קיין מעשר, קומט
אַ הונגער פון ניט־גערעטעניס און אַ
טהייל הונגערן און אַ טהייל זיינען זאַט.
האָבען זיי אַלע בעשלאָסען ניט צו גע־
בען קיין מעשר, קומט אַ הונגער פון
קריעג און ניט־גערעטעניס צוזאַמען.
האָבען זיי אַלע בעשלאָסען ניט אַרונטער־
צונעהמען קיין חלה*) דאַן קומט אַ
פערניכטענדער הונגער. פעסט קומט

*) דאס שטיק וואס מען פלעגט ארונ־
טערנעהמען פון דעם טייג און אוועקגעבען צו
א כהן.

# די לעהרען פון די פאַטערס

אויף דער וועלט, פאַר יענע טויט־
שטראָפען פון דער תורה וועלכע זיינען
ניט איבערגעגעבען געוואָרען צו בית
דין, און פאַר עסען די פרוכט פון דעם
זיבעטען יאָהר (ווען דאָס פעלד מוז
רוהען). דער שווערד קומט אויף דער
וועלט ווען מע פאַרציהט די גערעכטיג־
קייט אָדער ווען מע פאַרדרעהט דעם אור־
טהייל, און צוליעב די וואָס טייטשען
אויס די תורה ניט ווי די ריכטיגקייט
איז. ווילדע חיות קומען אויף דער
וועלט פאַר אומזיסט שווערען, און פאַר
די פאַרשוועבונג פון גאָט'ס נאָמען. גלות
קומט אויף דער וועלט, פאַר געצענדינע־

# די לעהרען פון די פּאַטערס

ריי, פאַר אויסגעלאַסענהייט, פאַר בלוט
פאַרגיסונג און ווען מע היט ניט אָפּ
שמיטה (ניט־בעאַרבייטונג פון פעלד
אין דעם זיבעטען יאָהר).

יב. אין פיער צייטען פארשטאַרקערט זיך די
פעסט: אין דעם פיערטען יאָהר, אין
דעם זיבענטען, ביים אויסלאָז פון דעם
זיבענטען, און מוצאי סכות יעדעס
יאָהר. אין דעם פיערטען יאָהר — ווייל
מען האָט ניט געגעבען דעם אָרעמאַן׳ס
מעשר אין דריטען יאָהר; אין דעם זי־
בענטען — ווייל מע האָט ניט געגעבען
דעם אָרעמאַן׳ס מעשר אין זעקסטען
יאָהר; ביים אויסלאָז פון דעם זיבענ־

טען — פאר עסען די פרוכט פון דעם זיבענטען יאָהר (ווען דאָס לאַנד מוז רוהען) און מוצאי סכות יעדעס יאָהר פאר רויבען פונ'ם אָרעמאן (דאָס וואָס איהם קומט ווען מען נעהמט אַראָפּ די תבואָה פון פעלד).

יג. פיערערליי נאַטורען זיינען דאָ צווי־שען מענשען. דער וואָס זאָגט מיינס איז מיינס און דיינס איז דיינס — דאָס איז אַ מיטעלמעסיגע נאַטור. און אנ־דערע זאָגען דאָס איז — אַ נאַטור פון סדום. דער וואָס זאָגט מיינס איז דיינס און דיינס איז מיינס איז אַ רויהער מענש. דער וואָס זאָגט : מיינס איז

# די לעהרען פון די פאָטערס

דוינס און דוינס איז דוינס איז א צדיק. דער וואָס זאָגט דוינס איז מוינס, און מוינס איז מוינס, איז אַ פארדאָרבענער מענש.

יד. פיערערליי כאַראַקטערען זיינען פאַראַן; דער וואָס קומט לייכט אַריין אין כעס און לאָזט זיך לייכט איבערבעטען — ביי איהם ווערט דער שאדען פארלאָרען אין דעם געווינס. דער וואָס איהם איז שווער אַריינצוברינגען אין כעס און שווער איבערצובעטען — ביי איהם ווערט דאָס געווינס פערלאָרען אין דעם שאדען. דער וואָס איהם איז שווער אַריינצוברינגען אין כעס אָבער לייכט

# די לעהרען פון די פאַטערס

איבערצובעטען איז אַ צדיק. דער וואָס קומט לייכט אַריין אין כעס אָבער איהם איז שווער איבערצובעטען איז אַ פאַר־דאַרבענער מענש.

טו. פיער גראַדען פייהיגקייטען זיינען דאָ ביי תלמידים: דער וואָס בעגרייפט גיך און פארגעסט גיך—ביי איהם ווערט דאָס געווינס פערלאָרען אין דעם שאַ־דען. דער וואָס בעגרייפט ניט גיך אָבער פאַרגעסט אויך ניט גיך — ביי איהם ווערט דער שאַדען פערלארען אין דעם געווינס. דער וואָס בעגרייפט גיך און פאַרגעסט ניט גיך — דאָס איז אַ גליק; דער וואָס בעגרייפט ניט גיך

# די לעהרען פון די פאַטערס

און פארגעסט גיך — דאָס איז אַ'ן אומגליק.

טז. פיער נאַטורען זיינען דאָ בנוגע צו געבען צדקה: דער וואָס וויל ער זאָל געבען און אַנדערע זאָלען ניט געבען, איז זיין אויג קאַרג אויף אַנדערע'ס. דער וואָס וויל אַנדערע זאָלען יא געבען און ער זאָל ניט געבען איז זיין אויג קארג בלויז אויף זיינס. דער וואָס וויל אי ער זאָל געבען, אי אַנדערע זאָלען געבען, איז אַ צדיק. דער וואָס וויל אַז ניט ער זאָל געבען, ניט אַנדערע זאָלען געבען איז אַ נידערטרעכטיגער מענש.

יז. פיער קלאַסען זיינען דאָ צווישען די

# די לעהרען פון די פאָטערס

וואָס בעזוכען דעם בית מדרש : דער
וואָס לעגט אָן גאַנג און טהוט גאָר ניט
אויף, האָט אָם וועניגסטען די בעלויה־
נונג פאר'ן גאַנג ; דער וואָס טהוט,
הגם ער האָט קיין גאַנג ניט אָנגעלעגט
האָט די בעלויהנונג פאר דאָס טהאָן :
דער וואָס לעגט אָן גאַנג און טהוט איז
אַ צדיק ; דער וואָס ניט ער געהט, ניט
ער טהוט, איז אַ זינדיגער מענש.

יח. פיער זאָרטען זיינען דאָ צווישען די וואָס
זיצען פאר די געלעהרטע : אַ שוואָם,
א לעיקע, אַ זייהער און אַ זיפ. א
שוואים — וועלכע זאַפּט אַריין אלצדינג;
אַ לעיקע וואָס נעהמט אַריין פון איין

# די לעהרען פון די פאָטערס

זייט און לאָזט אַרויס פון דער אַנדע־
רער ; אַ זייהער וואָס לאָזט אַרויס דעם
וויין און בעהאַלט די הייוועז ; און אַ
זיפּ וואָס לאָזט אַרויס דאָס גראָבע מעהל
און בעהאַלט דעם פיינעם מעהל־שטויב.

יט. יעדע ליבשאַפט וואָס איז אָפּהענגיג פון
אַן (אייגענניציגער) אורזאַך—פאַרגעהט
די אורזאַך פאַרגעהט אויך די ליבשאַפט.
אָבער אַ ליבשאַפט וואָס איז ניט אָפּהענ־
גיג פון קיין אורזאַך, פאַרגעהט קיינמאָל
אין דער וועלט ניט. וועלכע איז אַ ליב־
שאַפט וואָס איז אָפּהענגיג פון אַן אור־
זאַך ? דאָס איז די ליבשאַפט פון אמנון
און תמר. און אזא וואָס איז ניט אָפּ־

# די לערהרען פון די פּאַטערס

**העננגיג פון קיין אורזאַך ? דאָס איז די ליבשאַפט פון דוד און יהונתן.**

כ. יעדער מחלוקת וואָס איז פון גאָט'ס וועגען וועט האָבען אַן אנהאלט, און די וואָס איז ניט פון גאָט'ס וועגען וועט קיין אנהאלט ניט האָבען. וועלכע איז אַ מחלוקת פון גאָט'ס וועגען ? דאָס איז די מחלוקת צווישען הלל און שמאי. און אַזאַ וואָס איז ניט פון גאָט'ס וועגען ? דאָס איז די מחלוקת פון קרח און זיין באַנדע.

כא. דער וואָס ברינגט דאָס פאָלק צום גוטען. קומט פון זיין האַנד קיין זינד ניט אַרויס, און דער וואָס ברינגט דאָס פאָלק

# די לעהרען פון די פּאַטערס

צו זינדיגען גיט מען איהם אפילו ניט
די מעגליכקייט תשובה צו טהאָן. משה
האָט אַליין געטהאָן גוטס און האָט גע־
בראַכט דאָס פאָלק צום גוטען און דער
פעודיענסט פון דעם פאָלק ווערט אָנגע־
האַנגען אויף איהם, ווי עס ווערט גע־
זאָגט : „ער האָט ערפילט די גערעכ־
„טיגקייט פון גאָט און זיינע בעפעהלען
„צווישען דעם אידישען פאָלק" (דברים
לג. כא). ירבעם דער זוהן פון נבט,
האָט אַליין געזינדיגט און האָט געמאַכט
דאָס פאָלק צו זינדיגען, און די זינדיג־
קייט פון דעם פאָלק ווערט אָנגעהאַנגען
אויף איהם, ווי עס ווערט געזאָגט :

# די לעהרען פון די פאָטערם

„צוליעב די זינד פון ירבעם וואָס האָט
„געזינדיגט אַליין און געמאַכט זינדיגען
„דאָס אידישע פאָלק" (מלאכים א.
טו. ל.).

כב. יעדער וואָס האָט אָט די דריי אייגענ־
שאַפטען איז פון אַברהם אָבינו'ס
תלמידים, און יעדער וואָס האָט די
פארקעהרטע דריי אייגענשאַפטען איז פון
בלעם דעם רשע'ס תלמידים. (דער וואָס
האָט) אַ פריינדליך אויג, אַ שטיל גע־
מיטה, און אַ'ן עניוות'דיגע נאַטור איז
פון אַברהם אָבינו'ס תלמידים; (דער
אָבער וואָס האָט) אַ בייז אויג, אַ הויכ־
מוטהיגען גייסט און אַ פאַרלאַנגענדע נאַ־

## די לעהרען פון די פאַטערם

טור, איז פון בלעם דעם רשע׳ם תלמידים.
וואָס איז דער אונטערשייד צווישען די
תלמידים פון אַברהם אָבינו ביז די
תלמידים פון בלעם דעם רשע ? די
תלמידים פון אַברהם אָבינו געניסען אויף
דער וועלט און קויפען זיך איין יענע
וועלט, ווי עס ווערט געזאָגט : „צו געבען
„מיינע ליבהאבער, אַזוינס וואָס האָט אַ
„האַפּט און אָנצופילען זייערע שׂאַצ־
„קאַמערן“ (משלי ח. כא.). די תלמידים
אָבער פון בלעם דעם רשע, קויפען זיך
איין גיהנום און נידערן אַרונטער אין
דער גרוב פון פערניכטונג, ווי עס
ווערט געזאָגט : „און דו, גאָט, ווערסט

„זיי אַרונטערשליידערען אין דער גרוב
„פון פאַרניכטונג ; די מענער פון בלוט־
„דורשטיגקייט און פון בעטרוג וועלען
„ניט אויסלעבען האַלב זייערע טעג,
„אָבער איך וועל זיך אַנטרויען אויף
„דיר“ (תהלים נה. כד).

כג. יהודה דער זוהן פון תימא זאָגט : זיי
דרייסט ווי אַ לעמפּערט און לייכט ווי
אן אדלער, פלינק ווי אַ הירש און
שטאַרק ווי אַ לייב צו טהאָן דעם בע־
געהר פון דיין פאָטער אין הימעל. —
ער פלעגט אויך זאָגען : דער עזות פנים
איז אנגעברייט פאר׳ן גיהנום, און דער
שעמעוודיגער פאר׳ן גן עדן. —זאָל זיין

# די לעהרען פון די פאַטערס

דיין ווילען, גאָט אונזער האַרר און דער
האַרר פון אונזערע עלטערען, אַז דער
בית המקדש זאָל ווידעראויפגעבויט ווע־
רען אין גיכען, נאָך אין אונזערע טעג
און זאָל אונזער גורל זיין (צו לערנען)
דיין תורה.

כד. ער פלעגט אויך זאָגען: צו פינף יאָהר
איז די צייט פאַר (לערנען) חומש, צו
צעהן — פאַר משנה; צו דרייצעהן —
פאַר טהאָן די מצוות; צו פופצעהן —
פאַר גמרא; צו אכצעהן — פאַר געהן
אונטער דער חופה; צו צוואַנציג —
פאַר מענער־שטאַרקייט; צו פערציג —
פאַר פערשטאַנד; צו פופציג — פאַר

עצות־געבען ; צו זעכציג פאר אַלט
ווערען ; צו זיבעציג — פאַר גראָקייט ;
אַכציג יאָהר איז אַ גבורה ; צו נײַנציג
יאָהר איז די צייט פאַר געהן געבויגען
און אַ הונדערט־יעהריגער איז אַזוי ווי
ער וואָלט זיין געשטאָרבען און אַוועק
פון דער וועלט.

כה. בן־בג־בג זאָגט : בלעטער זי (די תורה)
איבער נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל, דען
אַלצדינג איז אין איהר פאראן. קוק גוט
אַריין אין איהר, און ווער גראָ און אַלט
איבער איהר, און פון איהר זאָלסטו
זיך ניט ריהרען דען עס איז ניטאָ קיין
בעסערע בעשעפטיגונג.

# די לעהרען פון די פאָטערס

כו. בן הא־הא זאָ.ט : לויט דער פיין איז דער לויהן.

# די לעהרען פון די פאָטערס

## זעקסטער פּרק

די חכמים האָבען געלערנט אין דער שפּראך פון דער משנה. געלויבט איז דער וואָס האָט אויסערוועהלט זיי און זייער לערנען.

**א.** רבי מאיר זאָגט : דער וואָס בעשעפ־טיגט זיך מיט דער תורה בלויז צוליעב איהר אַליין דערדיענט זיך צו פיעל זאַ־כען, און ניט נאָר דאָס נאָר די גאַנצע וועלט קומט איהם. ער וועט אָנגערו־פען פריינד און געליבטער, דער פריינד פון גאָט און דער פריינד פון מענשען,

# די לעהרען פון די פּאַטערס

דער דערפרעהער פון גאָט און דער דער־
פרעהער פון מענשען. און זי (די תורה)
קלייִדט איהם אָן מיט ענִיוות און מיט
עהרעפּורכט, און זי גרייט איהם צו צו
ווערען פרום, עהרליך און געטריי, און
זי דערווייטערט איהם פון זינד און זי
ברינגט איהם צו טהאָן גוטס; און מען
געניסט פון איהם, ראַטה און קענטעניס,
פערשטאַנד און שטארקייט, ווי עס ווערט
געזאָגט, „ביי מיר איז פאראן ראטה און
„קענטעניס. איך בין פערשטאַנד און איך
„פערמאָג שטאַרקייט". (משלי ח. ד). און
זי גיט איהם קעניגשאַפט און הערשאפט,
און די פעהיגקייט צו אורטהיילען ריכ־

# די לעהרען פון די פּאָטערס

טיג. און מען ענטפּלעקט פאר איהם די געהיימניסען פון דער תורה, און ער ווערט אַזוי ווי אַ קוואַל וואָס האַקט זיך ניט אפּ, און ווי אַ שטראָם וועלכע האַלט זיך אין איין שטאַרקען. און ער ווערט בעשיידען און געדולדיג, און איז מוחל ווען מען בעליידיגט איהם. און זי גרייסט איהם און דערהויבט איהם איבער אַלע זאַכען.

ב. רבי יהושוע דער זוהן פון לוי האָט געזאָגט: טאָג פאַר טאָג געהט אַרויס אַ שטים פון באַרג חורב און רופט אויס און זאָגט „וועה צו די מענשען פאר די פאַרשעמונג פון דער תורה". דען

# די לעהרען פון די פאָטערס

דער (געלעהרטער) וואָס בעשעפטיגט זיך ניט מיט דער תורה וועט אָנגערופען אַ פערשטויסענער (פון גאָט) ווי עס ווערט געזאָגט: „ווי אַ גאָלדענער נאָז־רינג אויף „דעם מויל פון אַ חזיר אַזוי איז אַ שעהן „פרויענצימער אָהן פערשטאַנד" (משלי יא. כב).*) און דער פסוק זאָגט אויך „און די לוחות זיינען די אַרביט פון „גאָט, און די שריפט איז גי[illegible] שריפט

*) „נזם זהב באף חזיר כן אשה יפה וסרת טעם" — דער פסוק ווערט דא בלויז ציטירט צוליעב דער ערשטער העלפט, אויס־צודריקען אז דער וואס איז בעשאנקען מיט געלעהרזאמקייט און פערנאכלעסיגט זי, איז ווי א חזיר וועלכער פערשמוצט אין בלאטע דעם גאלדענעם נאז־רינג, וואס ער טראגט.

# די לעהרען פון די פאָטערס

אויסגעקריצט אויף די לוחות" (שמות לב. טז). ניט לייען „אויסגעקריצט" נאָר לייען „פרייהייט" *), דען דו האָסט ניט איינעם וואָס איז אמת פריי, סיידען ער בעשעפטיגט זיך מיט דער תורה. און יעדער וואָס בעשעפטיגט זיך שטענדיג מיט דער תורה, ווערט דערהויבען, ווי עס ווערט געזאָגט „פון מתנה קיין נחליאל און פון נחליאל קיין במות**) (במדבר כא. יט).

---

*) „חרות" איז דאס העברעאישע וואָרט אין טעקסט. מיט א קמץ אונטער'ן „ח" מיינט עס — „אויסגעקריצט" מיט א צירה אונטערן „ח" מיינט עס — „פרייהייט."

**) די ווערטער זיינען אייגענטליך נע־מען פון פלעצער וועלכע אידען זיינען דורכ־

## די לעהרען פון די פּאַטערס

ג. דער וואָס לערנט פון זיין חבר איין פרק,
אָדער איין דין אָדער איין פסוק אָדער
איין אויסדרוק אָדער אפילו איין בוכ־
שטאב, דארף איהם ארויסווייזען כבוד.
דען אַזוי געפינען מיר ביי דוד דעם
קעניג פון אידען, וואָס האָט פון
אחיתופל'ן מעהר ניט געלערנט ווי צוויי
זאַכען, און דאָך האָט ער איהם גערופען
„זיין לעהרער, זיין פיהרער און זיין
פריינד" ווי עס ווערט געזאָגט „און דו,

---

גענאנגען ארויסגעהענדיג פון מצרים. דא
אבער צוליעב דעם דרש ווערען זיי אויס־
געטייטשט לויט זייער ווערטליכער בעדיי־
טונג: „מתנה" — דאס געשאנק פון גאט
(די תורה), „נחליאל" — דאס אייגענטהום פון
גאט „במות"—הויכער פלאץ, דערהויבענקייט.

# די לעהרען פון די פאַטערם

אַ מענש פון מיין גלייכען, הגם מיין פיהרער און מיין פריינד" (תהלים נד. יד). זיינען דאָך די זאַכען אַ קל וחומר: מה דאָך דוד, דער קעניג פון אידען וואָס האָט פון אחיתופל׳ען ניט געלערנט מעהר ווי צוויי זאַכען, האָט איהם גערופען זיין „פיהרער און זיין פריינד", מיט וויפיעל און וויפיעל מאָל מעהר דאַרף אַ גע־וועהנליכער מענש וואָס לערנט פון זיין חבר איין פרק אָדער איין דין אָדער אפילו איין בוכשטאַב — איהם אָפּגעבען כבוד ? — דען כבוד קומט נאָר פאַר תורה ווי עס ווערט געזאָגט „כבוד ווע־לען קריגען געלעהרטע און די עהרליכע„

# די לעהרען פון די פּאַמיקים

„וועלען ירש'ען גוטס" (משלי ג, לה).
„און גוטס איז אויך נאָר די תורה, ווי
עס ווערט געזאָגט „ווען אַ גוטע לעהרע
„האָב איך אייך געשאַנקען, מיין תורה
„זאָלט איהר ניט פאַרלאָזען". (משלי ג.
לה).

ה. אזוי איז די אַרט ווי מען דאַרף לערנען
תורה: ברויט מיט זאַלץ זאָלסטו עסען,
און וואַסער מיט אַ מאָס זאָלסטו טרינ־
קען און אויף דער ערד זאָלסטו שלאָפען
און אַ לעבען פון נויטה זאָלסטו לעבען,
ווען דו מיהסט זיך איבער דער תורה,
אויב דו מיהסט אַזוי, וואוהל איז דיר
און גוט איז דיר — וואוהל איז דיר

אויף דער וועלט און גוט איז דיר אויף יענער וועלט.

ה. זאָלסט ניט זוכען קיין גרויסקייט פאַר זיך און זאָלסט ניט בעגעהרען קיין כבוד. — מעהר וויפיעל דו לערנסט זאָלסטו טהאָן. — און זאָלסט ניט גלוסטען נאָך דעם טיש פון קעניגען, דען דיין טיש איז גרעסער ווי זייער טיש, און דיין קרוין איז גרעסער ווי זייער קרוין, און דיין אַרבייט־געבער איז אַ בטוח, דיר צו בעצאהלען דעם לויהן פון דיין ווערק.

ו. גרעסער איז תורה ווי פריסטערשאַפט, און ווי קיניגשאַפט. דען קעניגשאַפט

# די לעהרען פון די פאַטערס

ווערט ערוואָרבען דורך דרייסיג מעלות
און פריסטערשאַפט דורך פיער און
צוואַנציג, אָבער די תורה ווערט ערוואָר־
בען בלויז דורך אַכט און פערציג אייגענ־
שאַפטען. און דאָס זיינען זיי : — דורך
לערנען מיט'ן געהער פון אויער ; דורך
אַרויסריידען מיט די ליפען ; דורך
פערשטאַנד און דורך קליגען זיך ;
דורך עהרעפורכט ; דורך גאָטספאָרכ־
טיגקייט ; דורך עניוות ; דורך אויפ־
געראַמטקייט ; דורך בעדיענען די גע־
לעהרטע ; דורך די צוגעטהאָנקייט פון
חברים ; דורך דעם וואָס די תלמידים
זיינען זיך מפלפל ; דורך געלאַסענ־

קייט; דורך (בעהאַוועגטקייט אין) תנ"ך און משנה; דורך וועניג געשעפּ־טען; דורך וועניג פאַרקעהר מיט דער וועלט; דורך וועניג פאַרגעניגען; דורך וועניג שלאָף; דורך וועניג ריי־דען; דורך וועניג לאַכען; דורך איינגעהאַלטענקייט (פון כעס); דורך אַ גוט הערץ; דורך גלויבען אין די חכמים און דורך קענען צונעהמען יסורים. (און זי ווערט בלויז ערוואָרבען פון דעם) וואָס פאַרשטעהט זיין פּלאַץ; וואָס איז צופרידען מיט זיין גורל; וואָס מאַכט אַ צאַהם אַרום זיינע רייד; וואָס גיט זיך ניט קיין דאנק (פאַר דאָס גוטס

# די לעהרען פון די פאָטערס

וואָס ער טהוט) ; וואָס איז בעליעבט ;
וואָס האָט ליעב גאָט ; וואָס האָט ליעב
מענשען ; וואָס האָט ליעב וואָהלטהע־
טיגקייט ; וואָס האָט ליעב (צו הערען)
מוסר ; וואָס דערווייטערט זיך פון
כבוד און גרייסט זיך ניט מיט זיין לער־
נען, און פרעהט זיך ניט אַרויסצו־
געבען ענטשיידונגען ; וואָס העלפט
טראָגען דעם יאָך פון זיין חבר און
אורטהיילט איהם אויף דער גוטער זייט
און שטעלט איהם אַ וועג אויפ'ן אמת
און אויפ'ן (וועג פון) פרידען ; וואָס
פרעגט און ענטפערט, הערט (פון אַנ־
דערע) און לעגט אַליין צו (זיין איי־

# די לעהרען פון די פאָטערס

געננס) ; וואָס לערנט כדי צו קע־
נען לערנען מיט אַנדערע, און לערנט
כדי צו טהאָן ; וואָס מאַכט קלוג
זיין לעהרער ; וואָס לעגט צו זיין
געדאנקען צו דעם וואָס ער הערט און
זאָגט איבער אַ זאַך אין דעם נאָמען פון
דעם וואָס האָט זי געזאָגט. אַזוי האָסטו
דאָך געלערנט : יעדער וואָס זאָגט אי־
בער אַ זאַך אין דעם נאָמען פון דעם
וואָס האָט זי געזאָגט, ברינגט די גאולה
אויף דער וועלט, ווי עס ווערט געזאָגט
„און אסתר האָט דערצעהלט דעם קעניג
„אין דעם נאָמען פון מרדכי׳ן" (אסתר
ב. כב).

# די לעהרען פון די פאָטערס

א. גרויס איז די תורה, דען זי גיט איהרע
טהוערס, לעבען אי אויף דער וועלט אי
אויף יענער וועלט, ווי עס ווערט גע־
זאָגט „און זיי זיינען לעבען פאר די וואָס
„געפינען זיי און פאַר זיין גאַנצען לייב
„אַ היילונג" (משלי ד. כד). און ער
זאָגט ווידער „זי וועט זיין אַ היילונג
„פאַר דיין נאָפּעל און אַ זאַפט פאַר
„דיינע ביינער" (משלי ג. ח). און ער
זאָגט ווידער „אַ בוים פון לעבען איז זי
„פאַר די וואָס נעהמען זיך אָן איהר אָן,
„און די וואָס האַלטען זיך אן איהר
„זיינען בעגליקט" (משלי ג. ח). און ער
זאָגט ווידער „דען אַ שעהנער קראַנץ

# די לעהרען פון די פאָטערם

„זיינען זיי פאַר דיין קאָפּ און האַלז־
„בענדער פאר דיין קעהל" (משלי א. ט).
און ער זאָגט ווידער „זי וועט אַרויפּ־
„טהאָן אויף דיין קאָפּ אַ שעהנעם
„קראַנץ; מיט אַ פּרעכטיגער קרוין וועט
„זי דיך בעדעקען" (משלי ד. ט). און
ער זאָגט ווידער „דען דורך מיר וועלען
„דיינע טעג פאַרמעהרט ווערען און יאָה־
„רען פון לעבען וועט מען דיר צולעגען"
(משלי ט. יא). און ער זאָגט ווידער
„לאַנגע יאָהרען זיינען אין איהר רעכ־
„טער האַנד און אין איהר לינקער זייַ־
„נען רייכטהום און כבוד" (משלי ג. טז).
און ער זאָגט ווידער „דען פיעל טעג און

# די לעהרען פון די פּאַטערס

„יאָהרען פון לעבען וועט מען דיר צו־
„לעגען" (משלי ג. ב).

ח. רבי שמעון דער זוהן פון מנסיא, אין דעם נאָמען פון שמעון דעם זוהן פון יוחאי זאָגט: שעהנקייט און קראַפט, רייכטהום און כבוד, חכמה און עלטער, גראָקייט און קינדער, זיינען שעהן פאַר די צדיקים און שעהן פאַר דער וועלט, ווי עס ווערט געזאָגט „די פּרעכטיגע קרוין „פון גראָקייט געפינט זיך אויף דעם „וועג פון גערעכטיגקייט" משלי טז. לא). און ער זאָגט ווידער „די צירונג פון „יונגע איז זייער קראַפט, און די שעהנ־ „קייט פון די אַלטע איז די גראָקייט"

# די לעהרען פון די פאַטערס

(משלי כ. כט). און ער זאָגט ווידער
„די קרוין פון די געלעהרטע איז זייער
„רייכטהום" (משלי יד. כד). און ער
זאָגט ווידער „די קרוין פון אַלטע לייט
„זיינען קינד'ס קינדער, און די קרוין
„פון קינדער, זיינען זייערע עלטערען"
(משלי יח. ו). און ער זאָגט ווידער
„און די לבנה וועט בלאס ווערען, און די
„זונן וועט פאַרשעמט ווערען, דען גאָט
„צבאות וועט קעניגען אויף דעם באַרג
„ציון און ירושלים, און פאַר זיינע
„אַלטע לייט וועט זיין אַ פרעכטיגקייט"
(ישעיה כד. כג).

רבי שמעון דער זוהן פון מנסיא זאָגט:

# די לעהרען פון די פאַטערם

אָט די אלע זיבען זאכען וואָס די חכמים האָבען אויסגערעכענט פאר די צדיקים, זיינען אַלע מקוים געוואָרען ביי רבי'ן און זיינע זיהן.

ט. רבי יוסא דער זוהן פון קסמא האָט גע־זאָגט : איין מאָל בין איך געגאַנגען אין וועג, האָט מיך בעגעגענט אַ מאַן און האָט מיך בעגריסט און איך האָב איהם צוריק בעגריסט. האָט ער געזאָגט צו מיר : רבי, פון וועלכען פלאַץ קומסטו ? האָב איך איהם געענטפערט : פון אַ גרויסער שטאָדט פון געלעהרטע און שריפט־קענער. האָט ער געזאָגט צו מיר: רבי, וואָלסטו געוועלט וואוהנען, ביי

# די לעהרען פון די פאָטערס

אונז, אין אונזער פּלאַץ, ווען איך זאָל דיר געבען טויזענד מאָל טויזענד גאָלדענע רענדלעך און טהייערע שטיינער און פּערעל? האָב איך איהם געזאָגט: ווען דו גיסט מיר, אַל' דאָס זילבער און גאָלד און טהייערע שטיינער און פּערעל פון דער וועלט, וואויהן איך ניט, סיידען אין אַ פּלאַץ פון תורה. און אַזוי איז געשריבען אין ספר תהלים, פון דוד דעם אידישען קעניג „טהייערער איז „די לעהרע פון דיין מויל פאר טויזענ־„דער גאָלד־ און זילבער־שטיקער" (תהלים קיט. עב). און ניט נאָר דאָס, נאָר נאָך דעם טויט פון אַ מענשען, בע־

# די לעהרען פון די פּאַטערס

גלייטען ניט דעם מענשען, ניט קיין זילבער און ניט קיין גאָלד און ניט קיין טהייערע שטיינער און פּערעל, נאָר תורה און גוטע מעשים בלויז, ווי עס ווערט געזאָגט „ווען דו וועסט געהן וועט זי „דיך פיהרען ; ווען דו וועסט שלומע־ „רען וועט זי איבער דיר וואַכען, און „ווען דו וועסט זיך אויפכאַפּען וועט זי „ריידען צו דיר“ (משלי ו. כב). ווען דו וועסט געהן וועט זי דיך פיהרען — אויף ד ע ר וועלט ; ווען דו וועסט שלומערען וועט זי איבער דיר וואַכען — אין קבר ; און ווען דו וועסט זיך אויפ־ כאַפּען וועט זי ריידען צו דיר — אויף

# די לעהרען פון די פאַטערס

יענער וועלט. און ער זאָגט ווידער
„מיר געהערט דאָס זילבער און מיר גע־
„הערט דאָס גאָלד, זאָגט גאָט צבאות“
חגי ב. ח).

י. פינף אייגענטהומען האָט דער הייליגער,
געלויבט איז ער, זיך אַיינגעשאַפט אויף
זיין וועלט, און דאָס זיינען זיי:
די תורה איז איין אייגענטהום, הי־
מעל און ערד זיינען איין אייגענ־
טהום, אַברהם איז איין אייגענטהום,
דאָס אידישע פאָלק איז איין אייגענ־
טהום און דער בית המקדש איז איין
אייגענטהום. פון וואַנען איז געדרונגען
אַז די תורה איז איין אייגענטהום? דען

# די לעהרען פון די פאַטערס

עס שטעהט געשריבען „גאָט האָט מיך
„איינגעשאַפט פאר זיך אין דעם אָנהויב
„פון זיין ארויסטרעט, עהדער אַלע זיי־
„נע ערשטע ווערק" (משלי ח. כב). פון
וואַנען איז געדרונגען אַז הימעל און
ערד זיינען איין אייגענטהום ? דען עס
שטעהט געשריבען „אַזוי האָט געזאָגט
„גאָט : דער הימעל איז מיין שטוהל און
„די ערד איז דאָס בענקעל פאַר מיינע
„פים ; וואָס פאַר אַ הויז קענט איהר
„בויען פאַר מיך, און וואָס פאַר אַן
„אָרט — פאר מיין רוה ?" (ישעיה סו.
א). און ער זאָגט ווידער „ווי גרויס
„זיינען דיינע ווערק אָ, גאָט ! זיי אַלע

# די לעהרען פון די פאָטערס

„האָסטו מיט קלוגהייט בעשאַפען ; די
„ערד איז פול מיט דיינע אייגענטהו־
מען“ (תהלים קד. כד). פון וואַנען איז
געדרונגען אַז אברהם איז איין אייגענ־
טהום ? דען עס שטעהט געשריבען
„און ער האָט איהם געבענשט, און ער
„האָט געזאָגט : געבענשט זאָל זיין
„אברהם ביי דעם אויבערשטען גאָט, דעם
„אייגענטהימער פון הימעל און ערד“
(בראשית יד. ט). פון וואַנען איז גע־
דרונגען אז דאָס אידישע פאָלק איז איין
אייגענטהום ? דען עס שטעהט געשריי־
בען „ביז עס ווערט אַריבערגעהן
„דאָס פאָלק וואָס דו האָסט פאַר זיך

# די לעהרען פון די פאַטערס

„געשאַפען“ (שמות טו. טז). און ער
זאָגט ווידער „די הייליגע וועלכע זיינען
„אויף דער ערד און די העלדישע—אין
„זיי איז מיין פאַרגניגען“ (תהלים טז.
ג.). פון וואַנען איז געדרונגען אַז דער
בית המקדש איז איין אייגענטהום,
דען עס שטעהט געשריבען „צו דעם אָרט
„וואָס דו האָסט פאַר דיין וואוינונג
„געמאַכט, צו דעם טעמפעל, אָ גאָט, וואָס
„דיינע הענד האָבען אויפגעשטעלט“
(שמות טו. טז). און ער זאָגט ווידער
„און ער האָט זיי געבראַכט אין זיינע
„הייליגע גרענעצען אויף דעם באַרג
„וואָס זיין רעכטע האַנד האָט פאַר זיך
„געשאַפען“ (תהלים עח. נד).

# די לעהרען פון די פּאַטערס

יא. אַלצדינג וואָס דער הייליגער געלויבט איז ער, האָט געשאַפען אויף זיין וועלט האָט ער בעשאַפען פאר זיין אייגענעם כבוד ווי עס ווערט געזאָגט „און אַלץ וואָס „ווערט מיט מיין נאָמען גערופען און „וואָס איך האָב געשאַפען און געפורעמט „און געמאַכט פאַר מיין כבוד" (ישעיה מג. ז). און ער זאָגט ווידער „גאָט וועט „רעגירען אויביג און שטענדיג" (שמות טו. יח).

רבי חנניא דער זוהן פון עקשיא זאָגט: דער הייליגער געלויבט איז ער, האָט געוואָלט בעגליקען דאָס אידישע פאָלק, דערום האָט ער זיי געגעבען א סך תורה

# די לעהרען פון די פּאַטערס

אונ מצוות. ווי עס ווערט געזאָגט „גאָט
„האָט בעוויליגט אין זיין גענאד צו
„פאַרגרעסערען זיין תורה און זי מאַכען
„פרעכטיג" (ישעיה מב. כא).